בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת תרומה
ד אדר א'
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 19
(71)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב




שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער אֶמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ אוּמְצוּקֶערְן פַאר דֶעם מְדִינָה אִיר אַלְטְן נָאמֶען: **"דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת"**. אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אוּמְצוּקֶערְן דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען, הָאט מֶען אִים אַרַיין גֶעלָאזְט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי שָׂרִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט, מִיר זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט קַיין נַארָנִים, נָאר דֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם וָואס אַ קֶעגְן אִים זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען נַארָנִים, דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט מֶען רוּפְן דָאס לַאנְד: "דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת", וִוידֶער דֶער 'בֶּן מֶלֶךְ' אִיז אוֹיךְ אַ חָכָם נָאר אַ קֶעגְן אוּנְז אִיז עֶר נִישְׁט קַיין חָכָם, דֶערְפַאר רוּפְט מֶען הַיינְט דָאס לַאנְד: **"דָאס קְלוּגֶער לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת"**. דֶערְפַאר זוּכְן מִיר הַיינְט אֵיינֶער וָואס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶער חָכָם אַז אַ קֶעגְן אִים זֶענֶען מִיר אַלֶע נַארָנִים.

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַ פְּרָאבֶּע, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: עֶס אִיז דָא אַ גָארְטְן וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידּוּשׁ, עֶס וַואקְסְט דָארְט אַלֶע עֶרְלֵיי אַייזְן, זִילְבֶּער אוּן גָאלְד, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין דֶערִין, אַז אֵיינֶער גֵייט אִין אִים אַרַיין הֵייבְּט מֶען אִים תֵּיכֶף אָן צוּ יָאגְן, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט, עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אוּן זֶעט גָארְנִישְׁט, אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים בִּיז מֶען מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם גָארְטְן מִיט גְרוֹיס בְּהָלָה, דֶערְפַאר

אוֹיבּ בִּיסְטוּ אַזַא גְרוֹיסֶער חָכָם אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִינֶעם גָארְטְן וֶוערְסְטוּ קֶענִיג.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִים. אוּן דֶער טוֹיעֶר אִיז אוֹיפִין. אוּן סֶע קֵיין שׁוֹמְרִים דָארְט נִיט פַארְהַאנְדִין. וָוארִין מֶע בַּאדַארְף בְּוַודַאי נִיט קֵיין שׁוֹמְרִים צוּ דֶעם גָארְטִין (וָוארִין סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער אִין אִים נִיט אַרַיין גֵיין כַּנַּ"ל) אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם גָארְטִין (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ) הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז סֶע שְׁטֵייט דָארְט לֶעבִּין דֶעם גָארְטִין אַ מֶענְשׁ. דְהַיְינוּ סֶע אִיז דָארְט גִיוֶועז אוֹיס גִימָאלְט אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז אִיבֶּער דֶעם מֶענְשְׁן אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶענְשׁ. דָאס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ פַאר כַּמָּה מֵאוֹת שָׁנִים. (פַאר וִויפִיל הוּנְדֶערְט יָאר) אוּן אִין דִי צַייטִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם. וָוארִין בִּיז דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת. אוּן אַזוֹי נָאךְ אִים אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת אוּן אִין דִי טֶעג פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם.

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָּבָר. אַז סֶע אִיז גָאר גִיוֶוענְט אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אַז מֶע גֵייט אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן מֶע הֵייבְּט אָן צוּ יָאגִין. בַּאדַארְף מֶען גָאר נִיט צוּ אַנְטְלוֹיפִין נָאר מֶע זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען נִיצּוֹל וֶוערִין. נָאךְ מֶער אֲפִילוּ אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעוֵוייניק אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אַזוֹי וֶועט קֶענֶען אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אַרַיין גֵיין בְּשָׁלוֹם אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. (אַזוֹי הָאט אַלִיץ פַארְשְׁטַאנֶען דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וַוייל עֶר אִיז גִוֶועז אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָּבָר).

מֶען בַּאקוּמְט יִשּׁוּב הַדַּעַת

דֶער אֶמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער

סוֹד פוּגֶעם גָארְטְן אִיז, פַארְוָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט דָארְט אַרַיין גֵיין אִיז צוּלִיבּ 'בֶּהָלָה', מֶען וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן, אָבֶער אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּגֶעם גָארְטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִיק, דַאן בַּאקוּמְט מֶען אַ 'יִשׁוּב הַדַעַת', דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר מְיֻשָּׁב בִּיז עֶר קֶען שׁוֹין בְּלַייבְּן אִינֶעם גָארְטְן.

## פְּלֵייטֶיס

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מֶען גֶעוִויזְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף גֶעוִויסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן צַדִיקִים וָואס רֶעדְן נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים, אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע זַיין אָן הִתְבּוֹדְדוּת; אָבֶער דִי מֶענְטְשְׁן רוּף אִיךְ אָן 'פְּלֵייטֶיס', זֵיי זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקֶענֶע פַארְלוֹירֶענֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט זֵיי נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף זֵיי, וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אָבֶער דֶער וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שְׁטֶענְדִיג מְיֻשָּׁב, עֶר וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן צֶעבְּרָאכְן; וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט: **'יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'**, אוּן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, וֶוערְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ, נָאר עֶר בֶּעט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶס אִיז מִיר גֶעפֶערְלִיךְ'**, דָאס אַלֶעס אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

## אַזוֹי וִוי נָאךְ אַ שְׁלָאף

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "אֵיינֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אָבֶער עֶטְץ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועלְן זַיין מְיֻשָּׁב אַזוֹי וִוי נָאךְ אַ שְׁלָאף, אָן קַיין שׁוּם פַארְלוֹירְנְקֵייט", (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכח).

## אִיךְ כַאפּ זִיךְ אָן אִין דִיר

אֵיינְמָאל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט צוּ אַ חַבֶר: "אוֹיבּ מָשִׁיחַ קוּמְט, כַאפּ אִיךְ זִיךְ אָן אִין דִיר, דוּ גֵיי פָארְאוֹיס אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנְטֶער דִיר, אִיךְ צִיטֶער צוּ קוּקְן אוֹיף מָשִׁיחַ"...

## מָשִׁיחַ, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד

וִוידֶער פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער פְרֶעגְט אִים: וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועל אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לוֹיפְן צוּ אִים, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן: "**מָשִׁיחַ, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִסְיוֹנוֹת**", אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל אִים דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ אִים בֶּעטְן פַּרְנָסָה, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן: "**מָשִׁיחַ, אִיךְ דַארְף הָאבְּן פַּרְנָסָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַ אִיד אָן פַּרְנָסָה, אִיךְ מוּז דָאךְ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער**".

## יִשׁוּב הַדַעַת

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶס גֵייט זַיין גֵיהִנֹם אוּן גַן עֵדֶן, אָבֶער אֵיינֶער וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם 'אוֹר' וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶר וֶועט הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת.

## אִיךְ קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

דֶער שֵׂכֶל בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֵיידֶער זֶענֶען מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר וַוייט דֶערְפוּן, מֶענְטְשְׁן קוּקְן אָן דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר צַדִיקִים, פַאר רָאשׁ יְשִׁיבְה'ס, פַאר דַיָּנִים, אִיךְ קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "**רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ דוּ בִּיסְט, אִין דַיין בְּלָאטֶע אוּן אִין דַיין פְּלָאנְטֶער, וואוּ דוּ לִיגְסְט פַארְשְׁמִירְטֶערְהֵייט זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**".

## מֶען שִׁיקְט עֶס צוּ דִי מַאמֶע

מֶען זֶעט וֶוען קִינְדֶער קוּמֶען בַּאזוּכְן דִי עֶלְטֶערְן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, נֶעמֶען אַלֶע אַרוּם דָאס קְלֵיין קִינְד, מֶען קוּשְׁט אִים, אוּן מֶען הַאלְזְט אִים אַרוּם, אִינְמִיטְן שְׁפִּירְט מֶען וִוי דָאס קִינְד שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט, **שִׁיקְט מֶען עֶס צוּ דִי מַאמֶע**, עֶס אִיז זֵייעֶר זִיס וִוילַאנְג עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט, אֵיינְמָאל עֶס שְׁמֶעקְט טְרָאגְט מֶען עֶס אַרַיין צוּ דִי מַאמֶע, תָּבוֹא אִמּוֹ וּתְקַנַּח צוֹאַת בְּנָהּ, זָאל דָאס מַאמֶע עֶס רֵיינִיגְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס רִינְט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דִי קְלֵיידֶער וְכוּ', זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי מַאמֶע וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן דָאס קִינְד, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מַאמֶע זָאל זָאגְן: "דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר", נָאר דִי מַאמֶע וֶועט עֶס אַרוּם וַואשְׁן, אוּן אָנְטוּן פְּרִישֶׁע קְלֵיידֶער.

## אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ...

זָאגט דֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עח), אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, קֵיינֶער ווִיל שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים, מֶען שְׁרַייט אוֹיף אִים: **"אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, דוּ בַּאלַאנְגְסְט נִישְׁט אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה!"** קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הָאבְּן מִיט אִים, אֲפִילוּ מַלְאָכִים פוּן הִימְל דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ פוּן אִים, וָואס בְּלַייבְּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ? דִי מַאמֶע, דָאס אִיז דֶער דִיבּוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֵם הַבָּנִים', דֶער דִיבּוּר גֵייט אַלֶעמָאל מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ לא, יט): **"כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ, זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד"**, מִיט דַיין מוֹיל קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיס, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְשְׁמִירְט אוּן פַארְפְּלָאנְטֶערְט, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!"** דָאס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ.

## וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ טוּן?

דָאס הָאט דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז דֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. אוּן אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן אִים, מֶען פָּאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת, דַאן אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גֶעיַאגֶענִישׁ, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט דָא קֵיין 'פְּלֵייטִיס', אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט נֶעבְּן אִים, פַאלְט מֶען אַריין אִין אַ גֶעיַאגֶענִישׁ, בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ זֶעלְבְּסְט ווֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס יָאגְט אוּן ווֶער עֶס יָאגְט אִים; **מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן ווֶערְן אִינְגַאנְצְן מְבֻהָל ווֶען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב, אָדֶער ווֶען זֵיי מַאכְן אַ שִׂמְחָה, אַ בַּר מִצְוָה אַ חֲתוּנָה - זֵיי פַאלְן אַריין אִין אַ גֶעיַאגֶענִישׁ**, אָבֶּער אִיךְ שְׁטֵיי נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס אִיז דָא צוּ טוּן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר רוּאִיג, אַלֶעס אִיז זֵייעֶר פַיין, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ טוּן? אִיךְ לָאז זִיךְ פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט הֶעלְפְן, דִי גַאנְצֶע יוֹם טוֹב, דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז מִיט אַ 'יִשּׁוּב הַדַּעַת'.

## בֵּייפָּאוֹלֶער (Bipolar Disorder)

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: **"דִי ווֶעלְט אִיז מְשׁוּגָע אוּן אִיךְ אוֹיךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ קְלָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן"**; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: "אִיךְ דַארְף נֶעמֶען מֶעדִיצִינֶען, **אִיךְ לַייד אוֹיף 'בֵּייפָּאוֹלֶער'** (Bipolar Disorder), **יֶעדְן טָאג ווִיל אִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ**"; 'אֵיין טָאג ווִיל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דֶעם אַנְדֶערְן טָאג עֶקְל אִיךְ זִיךְ פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערְנָאךְ טְרַאכְט אִיךְ צוּרִיק אַז עֶס יָא שֵׁיין דָאס עֶרְלִיכֶע ווֶעג'; בַּיי אַ פְרוֹיא אִיז עֶס, 'אֵיין טָאג טְרַאכְט אִיךְ עֶס אִיז שֵׁיין צוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, אֵיידְל בִּצְנִיעוּת, אוּן דֶעם אַנְדֶערְן טָאג טְרַאכְט אִיךְ אַז עֶס אִיז יָאנְטְשִׁי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל', אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין מֶעדִיצִין, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי, אוֹיסֶער אַז מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן רֶבִּי'ן, מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט אִין אַ זַייט אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִיךְ אַזוֹי טוּן אָדֶער אַזוֹי טוּן?"** דָאס קְלָארְט אוֹיס דִי שֵׂכֶל אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ קְלָארְן מֹחַ.

## פַארְוָואס אִיז דָאס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר זַאךְ?!

ווֶען מֶען רֶעדְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶערְן מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, עֶס קוּקְט אוֹיס כְּאִילוּ בְּרֶסְלֶב הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן דָאךְ גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! פַארְוָואס אִיז דָאס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר זַאךְ?!... זָאג אִים: **אֶפְשַׁר אַז דַיין רֶבִּי שְׁלִיטָ"א ווֶעט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן אַסַאךְ רֶעדְן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶעט מֶען שׁוֹין טַאקֶע זָאגְן אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב**, מֶען ווֶעט אָנְהֵייבְּן זָאגְן אוֹיף דַיין רֶבִּי שְׁלִיטָ"א אַז עֶס אִיז עֶנְקֶער זַאךְ, אָבֶּער עֶס ווַייזְט זִיךְ אוֹיס אַז נָאר בַּיים רֶבִּי'ן רֶעדְט מֶען דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי רֶעדְט דֶערְפוּן אוּן דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶס.

## זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן 'תַּאֲווֹת אֲכִילָה'...

אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער רֶעדְט מֶען פוּן 'הוֹיכֶע עִנְיָנִים' פוּן זַאכְן וָואס מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן. ווֶען אַ בָּחוּר גֵייט אַריין אִין יְשִׁיבָה, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען זָאגְט אִים אִיז אַז: **"עֶר זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן 'תַּאֲווֹת אֲכִילָה'"**... קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אִין אַמֶערִיקֶע, אָבֶּער ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט מִיר אַ סְפָרַדִ'ישֶׁער בָּחוּר, זַיין מַגִּיד שִׁיעוּר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קֵיין קֶעיְק, עֶר זָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: **"ווֶען מֶען ווֶערְט אַ בָּחוּר דַארְף מֶען אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, פוּן עֶסְן קֶעיְקְס אוּן גוּטֶע מַאֲכָלִים אוּן שְׁלָאפְן..."** דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אַלֵיינְס אִיז לֵיידִיג, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, מַאכְט עֶר מְשׁוּגָע דִי בָּחוּרִים מִיט דִי אַלֶע שְׁטוּתִים, אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס דֶער בָּחוּר פַארְשְׁטֵייט, זָאג אִים דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## זַיי זִיךְ מְחַיֶה, שְׁלָאף גֶעזוּנְטֶערְהֵייט

דֶער רֶבִּי זָאגְט, קֶענְסְט עֶסְן קֶעיְק אָבֶּער זָאג: "**יְיַשֵּׁר כֹּחַ אייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע קֶעיְק**", קֶענְסְט שְׁלָאפְן אָבֶּער פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער אוּן לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט צוּגֶענוּמֶען פוּן דַיין שְׁלָאף, קֶענְסְט נֶעמֶען וִויפִיל קִישֶׁענֶעס דוּ ווילְסְט, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן עֶטְלִיכֶע קִישֶׁענֶעס, אֵיינְס צוּ קָאפְּנְס, אַ צְוֵוייטֶע בַּיי דִי זַייט, אוּן אַ דְרִיטֶע אוּנְטֶער דִי פִיס... זַיי זִיךְ מְחַיֶה, שְׁלָאף גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אָבֶּער לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע פַארְדֶעם.

## אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אָדֶער אִין פְלָארִידֶע...

זָאג אִים: "**לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת**", דָאס קֶען עֶר טוּן יֶעדְן טָאג. הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייע זַאךְ בַּעֲלֵי בָּתִּים דַארְפְן צוּזַאמְהַאלְטְן זֵייעֶרֶע אַרְבֶּעטֶער, נֶעמֶען זֵיי אַרוֹיס זֵייעֶרֶע אַרְבֶּעטֶער אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין הָאטֶעלְ'ן וְכוּ', דֶערְצֵיילְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס קַיין פְלָארִידֶע, בַּיים סוֹף פוּן דֶער נְסִיעָה רוּפְן זִיךְ אָן עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט: "**מִיר שְׁפִּירְן אַזַא מִין לֵיידִיגְקֵייט, מִיר זֶענֶען דָא גֶעוֶוען אַ וָואךְ צַייט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעטוּן**"... זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: "פַאר מִיר אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, וָואס אִיז מִיר אַ חִילוּק וָואו אִיךְ בִּין, אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אָדֶער אִין פְלָארִידֶע, אִיךְ בִּין אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָבֶּער אִיךְ נֶעם אוֹיךְ מִיט מֵיינֶע סְפָרִים, וָואו אִיךְ בִּין הָאבּ אִיךְ מַיין חוּמָשׁ, מַיין מִשְׁנָיוֹת, מַיין גְמָרָא, **אִיךְ לֶערְן דֶער בְּלַאט גְמָרָא אוּן מֵיינֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען**".

## מֶען דַארְף פַארְבְּרֶענְגֶען

מֶען דַארְף פַארְבְּרֶענְגֶען, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט מֶען זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט, אָבֶּער מֶען טוּט עֶס מִיטְ'ן אייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ נֶעם אַרַיין דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ עֶס מִיטְ'ן אייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁלָאף מִיטְ'ן אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ הַנָאָה פוּן דִי וֶועלְט מִיטְ'ן אייבֶּערְשְׁטְן.

## זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט וָואס דוּ הָאסְט יָא

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן נָאךְ אַן עֵצָה, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דָאס גוּטְס וָואס מֶען הָאט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן רפב), דֶער רֶבִּי זָאגְט: "**זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט וָואס דוּ הָאסְט יָא, זוּךְ נִישְׁט נָאר צוּ וֵויינֶען אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט**". 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת', צוּלִיבּ דָאס אַלֵיינְס קֶען מֶען דָאךְ זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ רַייכֶער נִישְׁט שַׁבָּת', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאן שַׁבָּת', בִּין אִיךְ דָאךְ שׁוֹין בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶע'מַל'עט, וֶוערְט רֶעדְט נָאךְ אַז 'אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה עַל פֶּתַח בֵּיתִי', אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה בַּיי מַיין טִיר'. 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קוּשׁ דִי מְזוּזָה'; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: אַלֶץ וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב לֵייג אַרוֹיף דַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ גֵייעֶנְדִיגֶערְהֵייט: "**בַּאשֶׁעפֶּער בְּרֶענְג מִיךְ צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם**", אַז דוּ הָאסְט הָאסְט אַ מִשְׁפָּחָה בֶּעט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן: "**בַּאשֶׁעפֶּער בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַהֵיים צוּ מַיין מִשְׁפָּחָה**", וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן צוּרִיק אַהֵיים, לֵייג אַרוֹיף דַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זָאג: "**יְיַשֵּׁר כֹּחַ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם**", דֶער וֶועלְט יָאגְט אוּן יָאגְט אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט בַּיים רֶבִּי'ן אִיז עֶס אַ מְחַיֶה.

## אַן אָפְּגֶעריסֶענֶער בָּחוּר

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי עֵצָה פוּן 'שְׁלוֹם בַּיִת', דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, אִיךְ רֶעד מִיט מֶענְטְשְׁן, הֶער אִיךְ ווִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן טַעֲנוֹת: "מַיין וַוייבּ אִיז אַהֶער", "מַיין וַוייבּ אִיז אַהִין", "אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט הָאבְּן אַסַאךְ בֶּעסֶער", דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק ווִי אַזוֹי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַלְס בָּחוּר, בִּיסְט גֶעוֶוען אַן אָפְּגֶעריסֶענֶער בָּחוּר **אוּן דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה אַ וַוייבּ**, אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶענְסְטוּ מַאכְן זִי זָאל הָאבְּן בַּיי דִיר אַ חֵן, אַ בַּאטֶעמְקֵייט.

## אָפָּאר טוֹיזְנְט מָאל

אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַ וַוייבּ, אַז מֶען הָאט אַלְס קִינְד אִיר צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִיר אָפָּאר טוֹיזְנְט מָאל: "**בִּיסְט גָארְנִישְׁט**", "**דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן**", "**מְשׁוּגָעֶנֶע**", דַארְפְסְטוּ אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן, דַארְפְסְטוּ אִיר זָאגְן אָפָּאר טוֹיזְנְט מָאל, בְּמֶשֶׁךְ אָפָּאר יָאר: "**דוּ בִּיסְט יָא**", "**דוּ בִּיסְט יָא**", אִין אָנְהֵייבּ וֶועט זִי עֶס אַוֶועק שְׁטִיפְּן, זִי וֶועט עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶועט זִי עֶס אָנְנֶעמֶען, אוּן זִי וֶועט וֶוערְן אַ גַאנְצֶע כְּלִי.

דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶץ בְּלֵייבְּן שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "**שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**".